ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## חיי שרה

שנת תשע"א

**ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים:** זאגט דער מדרש הדא הוא דכתיב יודע ה' ימי תמימים וצ"ב.

ענטפערט **הגה"ק רבי ר' יונתן אייבשיץ ז"ל** אז עס שטייט אין ספר **עמק המלך** אז די עקידה איז געווען יום כיפור, און די ריזן מענטשן זענען געקומען צו שרה, האט זי זיי געפרעגט צי זיי האבן געזעהן אברהם, האבן זיי גענטפערט אז זיי האבן געזעהן א זקן שטייט ביים הר המורי', און ער גרייט אן זיין זון צום שחט'ן, און נאך איידער זיי האבן איר געזאגט אז מ'האט אים נישט גע'שחט'ן איז זי נסתלק געווארן. קומט אויס אז שרה איז געשטארבן אום יום כיפור.

לכאורה איז שווער אויף דעם וואס רש"י זאגט **בת ק' כבת כ' לחטא**, ווייל חז"ל זאגן אז איינער שטארבט יום כיפור איז דאס א נישט גוטער סימן, ממילא אז שרה אמנו איז אוועק יוכ"פ ווייזט דאס ח"ו אז זי איז נישט געווען א צדיקת.

נאר די גמרא זאגט אז הקב"ה ממלא שנותיהם של צדיקים מיום ליום ומחודש לחודש, און די צדיקים ווערן נפטר אינעם זעלבן טאג וואס זיי זענען געבוירן געווארן, ממילא קען מען זאגן אז שרה איז געבוירן יוכ"פ, און פון דעם וואס זי איז נפטר געווארן יוכ"פ איז גאר א ראי' אז זי איז יא געווען א צדיקת.

דאס זאגט דער מדרש **ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה**, זאגט רש"י אז פון דעם לערן איך ארויס אז זי האט נישט געהאט קיין עבירות, לכאורה ווערט שווער זי איז דאך געשטארבן יום כיפור, און דאס איז נישט קיין גוטער סימן, אויף דעם ענטפערט דער מדרש **יודע ה' ימי תמימים**, באמת איז זי יא געווען א צדיקת, און טאקע וועגן דעם איז זי נפטר געווארן יום כיפור, ווייל זי איז געבוירן אום יום כיפור, אזוי זענען אירע יארן **תמימים**.

*

**ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל:** במדרש בזכות המעשרות, שנאמר ויתן לו מעשר מכל וצ"ב.

ענטפערט דער **באר מנחם** אז עס ידוע אז השי"ת פירט זיך מיט א מענטש מדה כנגד מדה, און אויב ער טוט לפנים משורת הדין, פירט זיך דער רבש"ע אויך מיט אים לפנים משורת הדין, און טוט מיט אים א נס אפילו חוץ לדרך הטבע.

ביי אברהם אבינו זעהן מיר אז ער האט געגעבן מעשר אפילו פון זאכן וואס מ'איז נישט מחויב עפ"י הלכה, אזוי ווי עס שטייט **ויתן לו מעשר מכל**, פון יעדע זאך וואס ער האט נאר געהאט אפילו וואס מ'איז נישט מחויב עפ"י הלכה, ממילא איז געקומען מן הדין אז דער רבש"ע זאל אים באצאלן לפנים משורת הדין שלא כדרך הטבע.

דאס זאגט דער מדרש **וה' ברך את אברהם בכל**, אז ער האט געהאט א זון אויף דער עלטער שלא כדרך הטבע, פארוואס? ווייל **בזכות המעשרות שנאמר ויתן לו מעשר מכל**, ווייל אברהם אבינו האט זיך געפירט לפנים משורת הדין, איז אים געקומען דער שכר אויך לפנים משוה"ד.

*

**ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות ויקח האיש נזם זהב:**

זאגט דער הייליגער **חתם סופר זי"ע** אז וויבאלד די קעמלען האבן געטרינקען די וואסער וואס רבקה האט אנגעשעפט האט אליעזר פארשטאנען אז רבקה איז די פאסיגע זיוג פאר יצחק, ווייל די הלכה איז אז א מציאה פון א קטן אדער קטנה באלאנגט פארן טאטן ממילא באלאנגט די וואסער וואס רבקה האט אנגעשעפט פאר בתואל. און ווען אליעזר מיט די קעמלען האבן געטרינקען איז עס געווען גזל, ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין רשות פון בתואל, נאר אליעזר איז געווען זיכער אז אויב רבקה איז טאקע די פאסיגע זיוג פאר יצחק, איז בתואל זיכער מסכים אז מ'זאל געבן וואסער פאר די קעמלען פון זיין צוקונפטיגער איידעם.

חכמינו ז"ל זאגן אז אפילו פאר בהמות פון צדיקים ברענגט נישט דער אייבערשטער קיין מכשול, ממילא האט אליעזר געוואוסט אז השי"ת וועט נישט צולאזן אז אברהם אבינו'ס אייזלען זאלן נהנה זיין פון גזל, ממילא האט ער זיך געמאכט א סימן אז אויב די קעמלען וועלן טרינקען פון בתואל'ס וואסער איז געדרונגען אז דער איז דער ריכטיגער זיוג מן השמים, ממילא איז דאס נישט קיין גזל.

דאס זאגט דער פסוק **ויהי כאשר כלו הגמלים לשתות**, ממילא איז א סימן אז עס איז נישט געווען קיין גזל, ווייל דאס איז דער ריכטיגער זיוג, **ויקח האיש נזם זהב**, און ער האט געגעבן די מתנות פאר רבקה.

### גם זו לטובה

דער הייליגער **רבי ר' זושא זי"ע** פרעגט לכאורה ווי אזוי קען רש"י זאגן שני חיי שרה כולם שוים לטובה, ווען דער אמת איז דאך אז זי האט אזויפיל געליטן און אזוי שווער מיטגעמאכט ביטערע צרות איר גאנצן לעבן, נישט האבנדיג קיין קינדער, און זייענדיג נע ונד, זי איז עטליכע מאל געפאנגען געווארן ביי פרעה ואבימלך.

נאר דער פשט איז אז שרה אמנו האט כסדר געזאגט **גם זו לטובה**, אפילו ווען זי איז אריבער שווערע צייטן, זי האט געהאט צרות און יסורים, האט זי דאס מקבל געווען באהבה וואוסנדיג אז דאס איז דער רצון ה' און דאס איז פאר איר טובה וועגן, ממילא האט זי באמת נישט געשפירט קיין שום צרה און עגמת נפש פון די אלע שוועריגקייטן וואס זי איז אריבערגעגאנגען, דאס מיינט **כולם שוים לטובה**.

# אוצר הידיעות

## מערת המכפילה

אין ספר מראה פנים אויפן ירושלמי (תענית פ"ד) שרייבט דער מחבר "ווען איך בין געווען אין איטאליע האב איך גערעדט מיט א שליח פון חברון א איש נאמען החכם מו"ה יצחק זאבי ז"ל. האט ער דערציילט אז דער מערת המכפילה איז יעצט אונטער די הענט פון די ישמעאלים זיי גייען דארט אריין יעדן טאג מתפלל זיין, און אויב א צווייטער גייט אריין באקומט ער טויט שטראף. אפילו דער אראבישער שומר אויב לאזט ער עמיצן אריין ווערט ער באשטראפט מיטן טויט.

האט ער דערציילט אז ווען ער איז געווען א קינד איז ער געווען אינעווייניג אין די מערה, ווייל זיין מאמע האט פארשטאנען צו פארשידענע רפואות, און ווען דער שומר איז אמאל קראנק געווארן און ער האט זי גענויטיגט אין אירע רפואות, האט ער געהייסן אז זי זאל קומען ביינאכט, און מיט זיין רשות האט זי מיך מיטגענומען.

מיר זענען אריין אינעם הויף, האט ער אונז געפירט צו די שיינע כיפה וואס איז געבויעט אויף די מערה, וואס הילני המלכה האט אויפגעבויעט, דאס איז הערליך שיין אויסגעצירט, און דארט איז אויסגעמאלן פארשידענע בילדער אלס סימנים אויף די אבות ואמהות וואס ליגן דא באהאלטן. אבער דארט וואו זיי ליגן איז נישט מעגליך צו קענען צוקומען.

מיר האבן אויך געזעהן אז אויפן דאך איז אויפגעשריבן אברהם און קעגן איבער שרה, אינדערמיט איז אויפגעשריבן יצחק און קעגן איבער רבקה, און דערנאך יעקב און קעגן איבער לאה.

נאך האט דער חכם דערציילט אז ער האט דארט געזעהן אין די זייט א קעסטל אין די וואנט, און ער האט געפרעגט דעם שומר וואס דאס איז, האט ער געזאגט אז עס איז אנגענומען אז דארט איז באגראבן עשו'ס קאפ, מ'האט דארט גארנישט אויפגעשריבן נאר דאס קעסטל האט מען געמאכט אלס א זכר. אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא אין מס' סוטה, אז חושים בן דן האט אים גע'הרג'עט יענעם טאג וואס יעקב אבינו איז געברענגט געווארן צו קבורה אין מערת המכפילה.

# מאוצר רבותינו

## הוא ישלח מלאכו לפניך

דער **הייליגער רבי פון לובלין זי"ע** איז אמאל געפארן מיט עטליכע תלמידים צו א ווייטע שטאט צו א ברית וואס איז אפגעהאלטן געווארן ערב שבת, און ער איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, און באלד נאכן ברית האט מען זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים, כדי מ'זאל אנקומען צייטליך פאר שבת קיין לובלין.

זייענדיג אונטערוועגנס זענען די פערד אריינגעפאלן אין א בלאטע און זיי האבן אנגעהויבן צו זינקען אלס מער און מען האט נישט געזעהן דעם וועג ארויס. די חסידים האבן פרובירט אויף אלע וועגן ארויסצושלעפן דעם וואגן אבער עס איז נישט געגאנגען.

זיי זענען געווארן זייער באזארגט, ווייל צוביסלעך איז געווארן שפעט צו שבת, און עס איז שוין געווארן גרויס דער חשש אז זיי וועלן פארשפעטיגן נישט אנצוקומען אהיים אויף שבת.

ביז איינער פון די תלמידים איז צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט אז עס איז נישטא קיין ברירה, נאר דער רבי וועט מוזן זאגן דעם שם פון קפיצת הדרך אז מ'זאל אנקומען אהיים באצייטנס.

האט זיך דער הייליגער לובלינער אנגערופן **"י'א, ו'ווער כ'(ק)ען ה"יינט"...**

אין יענע מינוט ווען ער האט ארויסגעזאגט די ווערטער זענען די פערד ארויס פון די בלאטע, און זיי זענען אנגעקומען אהיים מיט קפיצת הדרך.

האבן די תלמידים פארשטאנען דאס ענין, ווייל דער שם פון קפיצת הדרך איז **י'ו'ה'ך'**, דאס איז די סופי תיבות פונעם פסוק **כי מלאכיו יצוה לך**, האט דאס דער רבי באהאלטן אין די ווערטער יא ווער כען היינט, וואס איז די ראשי תיבות פון דעם שם, אזוי האט ער גהאט קפיצת הדרך.

האט דער **בעלזער רב מהרי"ד ז"ל** מיט דעם געטייטשט דעם מדרש אין די סדרה **"בשעה שאמר אאע"ה הוא ישלח מלאכו לפניך זימן לו הקב"ה ב' מלאכים, א' להוציא את רבקה וא' ללוות את אליעזר"**, לכאורה אויב עס זענען געווען צוויי מלאכים פארוואס שטייט **'מלאכו'**? נאר די ר"ת פון די ווערטער **ה'וא י'שלח** און די סופי תיבות פון **מלאכ'ו לפניך'** איז דער שם פון קפיצת הדרך, און דאס האט אאע"ה מרמז געווען אין זיינע ווערטער אז מיט דעם מלאך וואס קומט להוציא את רבקה, איז אין דעם מרומז דער מלאך ללות את אליעזר וואס איז דער מלאך פון קפיצת הדרך.

# יגעת ומצאת

די וואך וועל מיר לערנען די "יגעת ומצאת" איבער די תקופות פון רבותינו התנאים והאמוראים, הראשונים והאחרונים, געוויסע פרטים וואס איז זייער וויכטיג פאר יעדן תלמיד וואס לערנט גמרא תוספות:

**די ששה סדרי משנה איז מסודר געווארן דורך רבי? הנקרא? בן רבן? ער האט געוואוינט אין? דער סידור המשנה איז געווען בערך שנת ג"א תתפ"ד - תלמוד בבלי איז מסודר געווארן דורך? און? אין וועלכע מדינה? בערך בשנת ד' אלפים רל"ו - רש"י הק' האט געהייסן רבינו? ער איז נפטר געווארן אין יאר? ער האט געוואוינט אין די שטאט? - תוספות איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך מערערע בעלי התוספות, פון די גרעסטע זענען געווען די דריי אייניקלעך פון רש"י, רבינו? הנקרא? רבינו? הנקרא? רבינו? הנקרא? אויך אן אור-אייניקל פון רש"י וועלכער איז באקאנט אלס? - דער רא"ש האט געהייסן רבינו? ער איז געווען דער טאטע פון רבינו? - דער מהרש"א האט געהייסן רבינו? ער איז געווען רב אין? נפטר בשנת? - דער מהר"ם האט געהייסן רבינו? פון די שטאט? - דער מהרש"ל האט געהייסן רבינו? פון די שטאט? - מיט בערך וויפיל יאר צוריק האט מען מסדר געווען די משניות? גמרא? רש"י נפטר געווארן? בעלי התוספות? רא"ש? מהרש"א? מהר"ם? מהרש"ל?**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ג')....

**גפ"ת – גמ"ח – גמח"ט – גז"ש – גיה"נ – גאו"צ – גאב"ד – ג"פ – ג"כ – גימ'**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פרשת וירא

**אאע"ה נולד יום ט"ו ניסן א' תתקמ"ח.**

**הלך לחרן בן ע"ה שנים.**

**היה במצרים עד שלקחו את שרה ג' חדשים.**

**בחברון גר כ"ה שנים.**

**כשנשא את הגר היה בן פ"ה שנה**

**כשנולד ישמעאל היה בן פ"ו שנה**

**בן צ"ט שנה היה כשקיים מצות ברית מילה**

**בן מאה שנה היה כשנולד יצחק**

**הלך לפלשתים א) שפסקו עוברים ושבים. ב) מפני בושה של לוט.**

**בפלשתים גר כ"ו שנים.**

**אח"כ הלך לגור בחברון י"ב שנים.**

**בשעת העקידה היה בן קל"ז שנים.**

**אאע"ה נפטר בן קע"ה שנים.**

# יגעת ומצאת

## פרשת חיי שרה

בעזהשי"ת

שם התלמיד:______________________________ לומד אצל:______________________________

1. די ששה סדרי משנה איז מסודר געווארן דורך רבי _________ ____________ וועלכער איז אנגערופן געווארן_________ ___________ ער איז געווען א זון פון רבן__________________ ער האט געוואוינט אין____________ דער סידור המשנה איז געווען בערך שנת ג"א תתפ"ד.

2. תלמוד בבלי איז מסודר געווארן דורך____________און____________ אין וועלכע מדינה?__________________ בערך בשנת ד' אלפים רל"ו.

3. רש"י הק' האט געהייסן רבינו_________ _________ ער איז נפטר געווארן אין יאר________________ ער האט געוואוינט אין די שטאט__________________

4. תוספות איז צוזאמענגעשטעלט געווארן דורך מערערע בעלי התוספות, פון די גרעסטע זענען געווען די דריי אייניקלעך פון רש"י, רבינו________________________ וועלכער ווערט אנגערופן___________ רבינו___________________ _________ וועלכער ווערט אנגערופן___________ רבינו_________________________ וועלכער ווערט אנגערופן__________ אויך אן אור-איינקל פון רש"י וועלכער איז באקאנט אלס _____ _______

5. דער רא"ש האט געהייסן רבינו____________ ער איז געווען דער טאטע פון רבינו__________________________

6. דער מהרש"א האט געהייסן רבינו ___________________________________________ ער איז געווען רב אין__________ נפטר בשנת__________________________

7. דער מהר"ם האט געהייסן רבינו __________________________ פון די שטאט____________________

8. דער מהרש"ל האט געהייסן רבינו________________________________________ פון די שטאט____________________

9. מיט בערך וויפיל יאר צוריק האט מען מסדר געווען די משניות_____________ גמרא____________ רש"י נפטר געווארן_______ בעלי התוספות_____________רא"ש____________מהרש"א__________מהר"ם _______ מהרש"ל_____

*

## ראשי תיבות (אות ג')

גפ"ת__________________ גמ"ח__________________ גמח"ט__________________

גע"ש__________________ גיה"נ__________________ גאו"צ__________________

גאב"ד__________________ ג"פ__________________ ג"כ__________________

גימ'__________________

* * *